# מיט א טיפערן בליק

## יום הקדוש תשפ"ז

# הקב"ה מטהר את ישראל!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן שוין בסייעתא דשמיא סמוך ונראה צום גרויסן און הייליגן יום טוב פון יום כיפור, די טאג אין וועלכע מיר זענען צוגעגליכן צו מלאכים, מיר זענען הייליג און ריין און זענען זוכה צו מחילת עוונות.

די תורה הקדושה זאגט אונז "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", אין דעם טאג טוט השי"ת אונז פאַרגעבן און רייניגן, און מיר מוזן זיך רייניגן פון אונזערע זינד פארן אייבישטער. די **ספרים הקדושים** זענען שוין מדייק וואס באדייטן די צוויי באזונדערע לשונות 'כפרה' און 'טהרה' וואס ווערן דא דערמאנט, כִּי בַיּוֹם הַזֶּה 'יְכַפֵּר' עֲלֵיכֶם 'לְטַהֵר' אֶתְכֶם. וואס פאַסירט יום כיפור, כפרה אדער טהרה? און אויבביידע, וואס מיינען זיי און וואס איז איינס מוסיף מער ווי די צווייטע?

און דערנאך שטייט צום סוף א דריטע מאל, "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" וואס מיינט דאס און וואס קומט עס צולייגן?

עס איז באקאנט וואס די משנה זאגט סוף **מסכת יומא: אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא**, אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל, לִפְנֵי מִי אַתֶּם מִטַּהֲרִין וּמִי מְטַהֵר אֶתְכֶם, אֲבִיכֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם שֶׁנֶּאֱמַר וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם, וְאוֹמֵר מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל ה' מַה מִּקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל. דער הייליגער תנא רבי עקיבא דַרש'ענט דעם פסוק פון מקוה ישראל ה' בדרך משל, פונקט ווי א מקוה איז מטהר א טמא'נע מענטש, אזוי אויך איז הקב"ה מטהר כלל ישראל.

ווי מיר האבן שוין מדייק געווען אין די פאַרגאַנגענהייט, געוועגליך ווען מ'ברענגט א משל אויף א געוויסע ענין, איז דאס צוליב דעם וואס מ'וויל עס ערקלערן און מקרב זיין אל השכל, נוצט מען א משל וואס איז מער פארשטענדליך ווי דער נמשל און דאס העלפט פארשטיין דעם נמשל. אבער דא ברענגט רבי עקיבא א משל פון א מקוה וואס איז אויך א רוחניות'דיגע זאך און איז נישט עפעס וואס מיר פארשטייען אדער קענען אפטייטשן מיט די גשמיות'דיגע שכל וויאזוי דאס ארבעט. דער משל און דער נמשל זענען ביידע געטליכע זאכן, סיי ווען הקב"ה איז אונז מטהר און סיי ווען א מקוה איז אונז מטהר. אויב אזוי וואס קומט רבי עקיבא אונז לערנען מיט'ן משל?

**אלא על השבים המאמינים בכפרתן...**

לאמיר זיך בעזהשי"ת פארטיפן אין ענינא דיומא, און אפלערנען אביסל די כוח התשובה פון יום כיפור הלכה למעשה.

דער **רמב"ם** שרייבט מורא'דיגע ווערטער אין **ספר קרבנות** (הלכות שגגות פ"ג ה"י) וזה לשון קדשו: **אֵין יום הכפורים ולא החטאת ולא האשם מכפרין אלא על השבים המאמינים בכפרתן, אבל המבעט בהן אינן מכפרין בו.** כיצד, היה מבעט והביא חטאתו או אשמו והוא אומר או מחשב בלבו שאין אלו מכפרין, אע"פ שקרבו כמצותן לא נתכפר לו, וכשיחזור בתשובה מבעיטתו צריך להביא חטאתו ואשמו. וכן המבעט ביום הכפורים אין יום הכפורים מכפר עליו...

דער רמב"ם זאגט אז סיי יום כיפור און סיי א קרבן וואס א איד האט געברענגט בזמן שבית המקדש היה קיים מכפר צו זיין אויף אן עבירה, ביידע קענען אויפטוהן זייער כפרה אויפן מענטש **נאר אויב ער גלייבט אין די כוח הכפרה דערפון!** אבער איינער וואס איז מְבַעֵט, ער שטויסט, דאס הייסט אז ער לייקנט אפ די כוח און די אויפטוה פון יום כיפור אדער פונעם קרבן, דאן וועט עס נישט קענען מכפר זיין אויף זיינע עבירות.

און דער רמב"ם זאגט קלאר, אפילו אויב למעשה האט דער מענטש געברענגט א קרבן חטאת אדער אן אשם, און מ'האט געטוהן אלע עבודות אזוויי די תורה פארלאנגט, מ'האט עס גע'שחט'ן כהלכתה און געשפריצט די בלוט אויפן מזבח, מ'האט מקטיר געווען די אימורים, אלעס פיין און וואויל, אבער אז דער איד האט נישט געגלייבט באמת אז דער קרבן קען מכפר זיין אויף איהם, אין הארץ האט ער געטראכט אז עס העלפט נישט עכט, עס טוט נישט אויף, האט ער נישט געהאט א כפרה. און שפעטער ווען ער טוט תשובה אויפן בוֹעֵט זיין, און ער פאַנגט אָן צו גלייבן אז באמת קען דער קרבן יא מכפר זיין אויף איהם, וועט ער מוזן דעמאלטס ברענגען א נייע קרבן כדי צו האבן זיין כפרה.

די זעלבע זאך איז לגבי יום הכיפורים. אויב א איד האלט אז יום כיפור קען נישט מכפר זיין, וועט יום כיפור טאקע נישט מכפר זיין. און אפילו ס'איז אריבערגעגאנגען יום כיפור און ער האט געטוהן אלעס וואס שטייט אין די תורה אז מ'דארף טוהן יום כיפור, אבער וויבאלד ער גלייבט נישט אין די כוח פון יום כיפור, ער גלייבט נישט אין די כוח פון תשובה, האט יום כיפור נישט מכפר געווען אויף איהם.

אז מ'וועט מעיין זיין און זיך פארטיפן אין די ווערטער פונעם רמב"ם, שטייט דא א דבר נורא. דער רמב"ם גלייכט צו די כפרה פון יום כיפור צו די כפרה פון א קרבן, אז זיי האבן ביידע דעם זעלבן דין, און דער רמב"ם שמועסט קלאר אויס אז עס רעדט זיך אפילו פון אזא איינער וואס האט געגנומען די מיה, ער האט געברענגט זיין קרבן אין בית המקדש אריין, ער האט זיך געלאזט קאָסטן דערפאר, ער האט זיך מטריח געווען, ער האט געטוהן אלעס וואס שטייט אין די תורה לגבי א קרבן. ווארשיינליך האט ער געהאט עפעס א שטיקל אמונה דערין, מן הסתם האט ער אביסל יא געגלייבט אז די קרבן קען אויפטוהן פאר איהם, אנדערש וואלט ער דאס נישט געטוהן. דאָך וויבאלד ער גלייבט נישט 'אינגאנצן' אז די קרבן איז מכפר אויף זיין זינד, האט ער נישט קיין כפרה!

לפי זה קומט אויס אז יום כיפור איז די זעלבע זאך. אפילו א איד טוט תשובה, ער שטעלט זיך צו, ער רעכט אפ דעם יום כיפור אזוויי די תורה פארלאנגט, ער פאַסט, ער שטייט אין בית המדרש און קלאַפּט על חטא, אבער אויב גלייבט ער נישט אינגאנצן דערין...

אויב אזוי דארפן מיר זיך גוט גוט מתבונן זיין און זעהן וואס דאס מיינט גלייבן אינעם כוח התשובה, וואס אונזערע מחשבות דארפן זיין בנוגע די עבודה און

אויפטוה פון יום כיפור, כדי מיר זאלן זיין בגדר "השבים המאמינים בכפרתן", און נישט חלילה ארייפאלן אינעם קאטעגאריע פון "אבל המבעט בהן אינן מכפרין בו".

### וויאזוי ווערט מען א בעל תשובה?

איך האב אמאל געהערט אן אויסדרוק פון א קלוגער איד, האט ער געזאגט **"ס'איז דא אסאך אידן וואס ווייסן וויאזוי מ'טוט תשובה, אבער זיי ווייסן נישט וויאזוי מען ווערט א בעל תשובה"**. כלומר, זייער אסאך מאל מאכט זיך אז א איד טוט תשובה, ער טוט באמת אלע פעולות פון תשובה מיט זיין גאנצע הארץ, ער האט חרטה גמורה, ער רייניגט זיך, ער איז מתפלל, גייט אין מקוה, וכהנה וכהנה, אבער דער יצר הער מאכט זיכער אז ער זאל נישט קענען אינגאנצן 'לויז ווערן' פון זיין אלטן פעקל. דער יצר הרע מאכט זיכער איהם צו דערמאנען כסדר וועגן זיינע אמאליגע זינד, און געבן די הרגשה אז עס נישט באמת אינגאנצן אוועקגעגאנגען.

דער יצה"ר האט א כוח פון צוברעכן דעם מענטש און איהם מאכן שפירן אז עס איז נאך געבליבן א רושם פון זיינע אמאליגע חטאים. ער זאגט פארן מענטש, רעד זיך נישט איין אז דו ביסט א נייער מענטש, פּאַפּ זיך נישט אליינס, דו ביסט דאָך דער זעלבער אלטער מציאות, מ'קען נישט אוועקשפאצירן כאילו לא היה, למעשה האסטו א היסטאריע...

צומאל קען דער יצר הער קומען צום מענטש מיט א לבוש פון פרומקייט און קדושה און איהם צוברעכן 'לשם שמים' זאגענדיג "דו מוזט בלייבן מיט די געפילן פון בושה און חרטה אויף שטענדיג, ווייל נאר אזוי וועסטו עס נישט נאָכאַמאָל טוהן. נאר אזוי קען מען זיין א בעל תשובה אויב מען 'בלייבט שטעקן' מיט די הרגשה פון די אמאָליגע חטאים און שוואכקייטן, מען טאר זיך נישט רוקן ווייטער און פארגעסן פון די אלטע". די עיקר מטרה פונעם יצר הרע איז אז דער מענטש זאל שפירן אז ער איז נישט באמת געווארן אינגאנצן ריין, זיין נשמה איז נאך אלס פאַרפלעקט, כדי דאס זאל איהם שטערן פון אנגיין ווייטער און זיך רוקן פאָראויס אין עבודת השי"ת מיט התחדשות און התחזקות.

### חרטה יא, בושה און שולד געפילן נישט!

יעצט, מיר רעדן נישט פון אזא איינעם וואס האט באמת נאכנישט פאַרראָכטן דאס וואס ער האט געדארפט פאַררעכטן. אויף אזא איינעם ליגט אודאי א חיוב זיך ארומצוטראגן מיט זיין בושה און חרטה ביז ער וועט מתקן זיין דאס וואס ער דארף.

תשובה האט הלכות און דינים וואס דער מענטש דארף טוהן כדי זיין תשובה זאל זיין בשלימות. מען דארף אפלאזן די שלעכטע וועגן, אויב מען האט איינעם בא'עוול'ט דארף מען איהם מפייס זיין - עד שירצה את חבירו, מען דארף מקיים זיין והשיב את הגזילה, און נאך. - אבער ווען א איד האט שוין געטוהן אלעס וואס תשובה פאַרלאַנגט, דארף ער זיך באמת רוקן פאָראויס אין לעבן און וויסן ביי זיך **"איך בין א נייער מענטש, איך בין אויסגעוואשן געווארן, און עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון מיין אמאליגע התנהגות. איך בין א בריה חדשה וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט"**.

בכלל, אין תשובה געפונט מען בעיקר די חלק ה'חרטה' אז דער מענטש דארף מתחרט זיין און שפירן שלעכט אויף דאס וואס ער האט געטוהן, עס דארף איהם ווי טוהן, ער דארף זאגן וידוי און זיך מודה זיין אויף זיינע חטאים. חרטה איז בעצם א הייליגע זאך, עס איז ווי א רוף צו די נשמה וואס שרייט און מאָנט, וועקט זיך אויף! הער אויף מיט די קרומע וועגן און רוק זיך פאָראויס, ווער בעסער און הייליגער.

אבער די הרגשה פון 'בושה' און צובראכנקייט וואס טוט באגלייטן דעם מענטש נאכן תשובה טוהן, דאס איז על פי רוב אינגאנצן נישט קיין חלק פון תשובה. דאס איז עצת היצר וואס מאכט דעם מענטש זיך ארומדרייען מיט שולד-געפילן און אומזיסטע פיין און צוקלאַפּטקייט לאורך ימים. בדרך כלל זענען די סארט הרגשים ווי א פאַרקערטע רוף צום מענטש, בלייב פאַרהאַנקעט, בלייב שטעקן אין דיין אלטע מציאות, דו ביסט סיווי א פאַרפאַלענער, דו ביסט צו שטארק פארזינדיגט רח"ל.

### מיר מוזן גלייבן אינגאנצן אין די כוח פון תשובה

מיר מוזן אנטלויפן פון אזעלכע סארט שלעכטע הרגשים ווי א פייל פון בויגן. ווייל אויב געלונגט עס חלילה פארן יצר הרע צו מאכן דעם מענטש שפירן שולדיג און צובראכן אפילו נאכן תשובה טוהן, דאן ווער ווייסט אויב מען איז עכט בגדר "השבים המאמינים בכפרתן"? ווי מיר האבן פריער געלערנט זאגט דער **רמב"ם** אז כדי יום כיפור זאל מכפר זיין דארף מען גלייבן אין דעם הונדערט פראצענט! עס העלפט נישט בלויז אז מען טוט די סדר און תיקוני התשובה, נאר מען מוז וויסן און גלייבן אז עס העלפט באמת! דערפאר דארף מען אכטונג געבן נישט ארייצופאַלן ח"ו מיט די אלע סארט הרהורים און ספיקות וואס צוברעכן דעם מענטש און מאכן איהם שפירן אז ער איז נישט געווארן אינגאנצן אפגערייניגט.

וויפיל אידן דרייען זיך ארום מיט שווערע שולד-געפילן און בושה אויף אלטע מעשים וואס זיי האבן שוין לאנג אוועקגעווארפן און תשובה געטוהן דעראויף. וויפיל מאל מאכט דער יצר הרע דעם מענטש שפירן נישטיג און קליין אפילו נאך יום כיפור, זאגענדיג "וואס מאכסטו זיך נאריש? דו האסט דאָך שוין ארויסגעוויזן דיינע אמת'ע קאלירן ביים זינדיגן, דו ביסט פאַרפוילט בעצם, וויאזוי קענסטו זיך אפילו איינרעדן אז דו ביסט א נייע מענטש?"

**אבער ווי געזאגט, אויב לאזט מען זיך פאַרפירן פונעם יצר הרע און מ'גלייבט זיינע ווערטער, דאן גלייבט מען נישט ריכטיג אינעם כוח פון יום כיפור ח"ו, און עס פעלט אין די כפרה צוליב די חסרון אמונה.** [און אדרבה, א איד דארף וויסן ווי מיר האבן שוין פיל מאל דערמאנט פון **ספרים הקדושים**, אז די עבירות זענען קיינמאל נישט דעם אמת'ן קאליר פון א איד. די נשמה פון א איד איז לויטער און ריין בפנימיות, זיינע ריכטיגע פאַרבן דערקענט מען נאכן תשובה טוהן, נישט ביים זינדיגן].

### והיום הוא אהוב ונחמד קרוב וידיד

אונזער עבודה דארף זיין נישט בלויז תשובה צו טוהן, נאר אויך צו ווערן א 'בעל תשובה' מיט די גאנצע הארץ. בעל תשובה מיינט אז מען ווערט אזויווי

א בעל הבית אויף די תשובה, דאס איז וואר איך בין! דאס איז מיין מציאות! איך בין צוריק אן אויסגעוואַשענע, ריינע, נייע מענטש, כאילו לא היה.

משל למה הדבר דומה, ווען עס קומט א משפט פאָרנט פון א שופט בשר ודם, אפילו ווען דער שופט איז מזכה דעם מענטש, אדער ער האט באשלאסן איהם צו שענקען א 'פּאַרדאָן' און איהם פריי לאזן, מיינט עס אבער נישט אז דער מענטש האט בכלל נישט געטוהן די עוולה. די מעשה עקזיסטירט ווייטער אין די ביכער און אין די רעקארדס, עס בלייבט צוגעבינדן צו זיין נאמען, און קען נאך אמאל אויפשווימען אין די צוקונפט. אויב דער מענטש וועט געכאפט ווערן ביי נאך א עוולה וכדומה, קען מען איהם נאך צורעכענען די אלטע עבירות. גארנישט ווערט נישט אינגאנצן פאַרמעקט אויף אייביג.

אבער תשובה איז אינגאנצן עפעס אנדערש! תשובה האט א כוח אפצומעקן און אפווישן די עבירה מעיקרא, כאילו עס האט קיינמאל נישט פאַסירט, און עס בלייבט נישט קיין שריד ופליט דערפון.

ווי וואונדערליך זענען די ווערטער פונעם **רמב"ם** אין **הלכות תשובה** (פ"ז ה"ו) וואס לערנט אונז וואס די ריכטיגע באדייט פון תשובה איז. דער רמב"ם שרייבט ווי פאלגענד: **גדולה תשובה שמקרבת את האדם לשכינה שנאמר שובה ישראל עד ה' אלקיך... התשובה מקרבת את הרחוקים, אמש היה זה שָׂנאוּי לפני המקום, משוקץ ומרוחק ותועבה, והיום הוא אהוב ונחמד קרוב וידיד!** עס זענען נישט פאַרהאַן מער קלארע דיבורים פון דעם, אפילו אזא איינער וואס איז נעכטן געווען פאַרהאַסט און פאַרפּיינטעט ח"ו, איז היינט א נייע מציאות, ער איז "אהוב ונחמד קרוב וידיד", גארנישט וויניגער. אבינו שבשמים האט איהם ליב, נישט ווי איינעם וואס מ'האט א טובה-געטוהן און מוחל געווען בלית ברירה מיט א שווער הארץ, ניין, נאר ער איז דער רבוש"ע איז איהם מקרב ווי א גוטער פריינט כביכול, אהוב ונחמד קרוב וידיד.

**די טהרה פון א מקוה האט גארנישט מיט געפילן**

דערמיט קומען מיר צוריק צו די ווערטער פונעם פסוק אויף יום כיפור, כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם, דער רבוש"ע פאַרגעבט און איז מוחל אונזערע עבירות, אבער נישט סתם מחילה ווי א שופט א בשר ודם, נאר עס איז אויך 'לְטַהֵר' אֶתְכֶם, טהרה איז א לשון פון ריניגן און ארומוואַשן, כביכול דער אייבישטער וואַשט אונז אינגאנצן אפּ, ער נעמט ארויס יעדע לעצטע ביסל רושם וואס דער חטא האט געלאזט אויף אונזער נשמה, ער רייניגט אונז אויף א אופן אז עס בלייבט גארנישט איבער דערפון. דעריבער האט טאקע נישט קיין פשט זיך ארומצודרייען צובראכן און צוקלאפּט נאכן תשובה טוהן, איינמאל מען איז שוין גענצליך אויסגעוואַשן און אויסגערייניגט פון אלעם.

ווי זיס און ווי לעבעדיג ווערט די משל פונעם הייליגער תנא רבי עקיבא, מַה מִּקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל. ווי מיר ווייסן דארף א טמא'נע מענטש גיין אין מקוה איידער ער וויל קענען עסן תרומה, קדשים, אדער אריינגיין אין בית המקדש. אצינד לאמיר זיך פאָרשטעלן אויב א טמא'נע מענטש וועט זאגן, "וואס זאל איך טוהן, אז כ'בין שוין געווען אין מקוה, איך האב זיך גע'טובל'ט ווי די תורה פאַרלאַנגט, איך שפּיר עס אבער נישט... וויאזוי קען איך עסן קדשים ווען איך האב נאך א הרגשה פון טומאה אויף זיך?!" פארשטייט זיך אז יעדער איינער וועט לאַכן פון אזא איינעם, און מ'וועט איהם ערקלערן אז עס האט גארנישט צוטוהן מיט זיינע פריוואטע געפילן. עס איז דא א תורה, א רמב"ם און א שולחן ערוך, און אויב פאָלגט מען אויס די אנווייזונגען וואס דארט שטייט דאן ווערט מען טהור, אפגעזעהן אויב מען שפירט עס יא אדער נישט. די אייגענע געפילן זענען בלויז דמיונות וואס האבן גארנישט מיט די הלכה און די מציאות.

די זעלבע זאך איז תשובה -לערנט אונז רבי עקיבא- מיר מוזן זיך איינ'חזר'ן און געדענקן אז אונזערע געפילן האבן נישט קיין שייכות מיט'ן אמת. נאר עס איז פשוט און פראקטיש "מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל ה', מַה מִּקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל", פונקט ווי מען גייט אין מקוה פארשטייען מיר אז עס איז נישט שייך צו טענה'ן נאכדעם אז "איך שפיר נאך אלס טמא, און ממילא האט די טבילה נישט געהאלפן", די זעלבע איז מיט תשובה און יום כיפור, ווי נאר דער איד האט געטוהן אלעס וואס מען דארף, איז ער אינגאנצן טהור, אָן קיין שום חשש.

אודאי זענען אויך פארהאן געוויסע דינים וואס גייען אָן אויך ביי א מקוה. דער איד דארף מאכן זיכער אריינצוגייין אינגאנצן אינעם וואסער, אָן קיין חציצה, זיך אונטערבייגן, נישט אנכאַפּן קיין טמא'נע זאך - נישט זיין קיין טובל ושרץ בידו; דאס הייסט אז די טבילה דארף זיין אויסגעהאלטן כהלכה און מען דארף פאָלגן וואס די תורה לערנט אונז. אבער איינמאל מען טוט עס ווי עס דארף צו זיין, איז נישט דא קיין מקום צו זיין מסופק אין די טהרה, נאר עס האט זיכער אויפגעטוהן. די זעלבע איז מיט תשובה, עס דארף טאקע געטוהן ווערן אויפן ריכטיגן אופן, דער מענטש מוז זיך וועלן רייניגן און אפלאזן די נישט גוטע וועגן, מען טאר נישט זיין קיין טובל ושרץ בידו, אבער איינמאל מען טוט עס האט עס זיכער גע'פועל'ט און געברענגט די גאנצע כפרה און טהרה צוזאמען.

**לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם**

עס איז כדאי צוצולייגן א הערליכע נקודה וואס שטייט אין **ספה"ק ישמח משה** אין פרשת אחרי אויף די ווערטער פון די משנה וואס מיר האבן פריער דערמאנט, "לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים". זאגט דער ישמח משה, ווען א בגד כאַפּט א פלעק אדער ווערט שמוציג פון סיי וואס, פארשטייט יעדער אז אויף א חשוב'ע מלבוש וואס איז געוועבט פון גאר טייערע ספעציעלע פעדימער, וועט זיך יעדע קלענסטע פלעק און יעדע קלענסטע פגם שטארק אנזעהן אינעם בגד, אנדערש ווי א פשוט'ע און פראסטע קלייד וואס איז געמאכט פון ביליגע סחורה און ווערט נישט קאליע פון יעדע קלייניגקייט. אויסער דעם, ווען מען דארף רייניגן א געוועגליכן בגד וואס מ'וויל איבערגעבן פאר א פשוט'ער מענטש אנצוטוהן, דארף מען נישט אריינלייגן אין דעם אזויפיל כוח עס צו רייניגן ווי ביי א בגד וואס מ'וויל ברענגען פאר א מלך אנצוטוהן. א קלייד וואס מען וויל טראגן פארן קעניג דארף זיין נקי מכל, אָן די מינדנסטע פלעק, מען דארף ארבעטן אויף דעם מיט א געוואלדיגע זהירות און אריינלייגן גאר גרויסע כוחות, מ'דארף האבן א ספעציעלע פאַכמאַן וואס טויג דערצו, און מען דארף נוצן די טייערסטע זייפן און רייניגונג-מאַטריאלן, כדי צו קענען אהערשטעלן דעם מלבוש ווי עס פּאַסט פארן קעניג.

אויב אזוי ווען א איד גייט תשובה טון און ער מאכט זיך א חשבון הנפש, ער ווייסט אז די נשמה איז גאר א טייערע און ריינע זאך, עס איז א חלק אלוקי

ממעל וואס שטאַמט פון א הייליגע שורש וואס איז נאך העכער ווי מלאכי השרת, איז עס פונקט ווי די טייערסטע סחורה וואס איז בנמצא, וואס לכאורה יעדע קליינגקייט וואלט געקענט מאכן אויף דעם גאר א גרויסע פלעק ח"ו, יעדע עבירה לאזט איבער א געפערליכע רושם אויף די נשמה. אויך דארף מען רייניגן די נשמה גאר שטארק, עס איז אזוויוו א בגד וואס מ'דארף ברענגען פארן מלך, מיר דארפן זיך דאָך שטעלן פארן אייבערשטן אליינס, ווייל ער איז דער וואס משפט אונז און קוקט אדורך אונזערע מעשים. קומט אויס אז מען דארף אריינלייגן גאר גרויסע כוחות און אומנות כדי צו קענען רייניגן די נשמה, קען דער איד ווערן צובראכן טראכטנדיג ביי זיך, וואו קען מען בכלל טרעפן אזא פאַכמאַן וואס קען אונז העלפן אויסרייניגן די נשמה? און פון וואו וועט מען נעמען די טייערע און ספעציעלע זייפן וואס קענען אויסרייניגן אזא הייליגע נשמה וואס דארף שטיין פאר אזא גרויסן קעניג דער מלך מלכי המלכים הקב"ה.

אויף דעם זאגט דער הייליגער תנא רבי עקיבא, אשריכם ישראל "לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם" איר זענט די טייערסטע סחורה, און איר דארפט אייך מטהר זיין פארן מלך אליינס. דא שטייט די צוויי אויבנדערמאנטע נקודות: 'לפני מי' פאר וועמען דארפן מיר זיך שטעלן, ווי אויך עס איז 'אתם' מטהרים, עטס גרויסע און הייליגע אידן וואס זענען א חלק אלוקי ממעל, די טייערסטע מאַטריאַל וואס איז נאר פאַרהאַן.

אבער אויף דעם איז רבי עקיבא ממשיך און זאגט אונז, איר קענט זיין רואיג און זיך פאַרלאָזן, ווייל "ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים", דער אייבערשטער אליינס, ער איז דער אומן און פאַכמאַן וואס רייניגט אונז, מיר האבן דער בעסטער רייניגער אין די גאנצע וועלט. ולא זו בלבד, נאר דער אייבישטער כביכול אליינס ער איז אויך די 'רייניגונג-מאַטריאל' וואס רייניגט אונז אפ, ווי דער ישמח משה דרוקט זיך אויס **"כי כביכול בעצמותו הוא המנקה"** דער אייבישטער וואַשט אונז אפ און רייניגט אונז אפ מיט זיין עצם כביכול, קומט אויס אז מיר האבן אויך די בעסטע און טייערסטע רייניגונגס מיטל וואס איז נישט דא דאס גלייכן אין ערגעץ. און דאס איז מרומז אינעם משל פון רבי עקיבא "ואומר מקוה ישראל ה' מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל", דער רבוש"ע אליינס דינט ווי אונזער מקוה טהרה, מיר רייניגן זיך אין איהם אליינס. (זעה נאך אין ישמח משה ווי ער איז מבאר די המשך המשנה און דער פסוק לויט דעם).

**יכפר עליכם לטהר אתכם וגו' לפני ה' תטהרו**

בדרך אפשר קען מען מוסיף זיין נאך א שיינע הוספה צו די ווערטער פונעם ישמח משה זי"ע.

בדרך כלל ווען מ'ברענגט א טייערע בגד אפילו פארן בעסטן אומן אין די וועלט עס אויסצורייניגן, האט ער אבער נישט די נויטיגע געפילן וואס פעלט זיך אויס צו באַהאַנדלען דעם בגד מיט די גאנצע פונקטליכקייט און געטריישאפט. געווענליך וועט דער אומן זאגן, "איך וועל זעהן אויב איך קען עס אינגאנצן אויסוואַשן... איך וועל פראבירן די בעסטע וואס איך קען... איך בין נישט זיכער... איך קען נישט צוזאגן" וכהנה וכהנה. אבער לאמיר זיך פאָרשטעלן א פאַל ווען א טייערע בגד איז שמוציג געווארן און מען טראגט עס צוריק צו דער פאַכמאַן וואס האט אליינס געמאכט דעם בגד, עס איז זיינס א חפץ, זיין נאמען ליגט אויף דעם, און ער האט משקיע געווען הארץ און געפיל אין דעם בגד עס צו מאכן; אזא איינער וועט צוגיין צום עבודה פון רייניגן גאנץ אנדערש, ער וועט עס זיכער באהאנדלן מיט געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט און ער וועט אריינלייגן אין דעם אומגעהויערע כוחות, נאך אסאך אסאך בעסער ווי סיי וועלכער אומן אין די וועלט.

אט די נקודה איז אויך נכלל אין די ווערטער פון רבי עקיבא. "לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים" ווי גליקליך זענען מיר אז אונזער מטהר איז אונזער טאטע אין הימל וואס האט אונז באשאפן, ער איז דער רבון כל המעשים אדון כל הנשמות, ער איז אונזער טאטע, אונזער אבינו אב הרחמן, אונזער באשעפער, וואס וועט אונז רייניגן די בעסטע וואס מעגליך.

און דאס לערנט אונז די תורה הקדושה, "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", ר' איד, ווייס און געדענק אז ווען עס קומט יום כיפור און א איד טוט תשובה, איז ער זוכה צו כפרה, ווי אויך צו א גענצליכע טהרה, עס בלייבט נישט קיין זֵכֶר און קיין שום רושם פון די חטאים אויף אונז. ווייל עס איז "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" דער אייבישטער אליינס איז דער וואס רייניגט אונז, אונזער טאטע און באשעפער, דער גרעסטער מומחה און אומן וואס האט אונז באשאפן. נישט ווי א שופט א בשר ודם, אדער סיי וועלכע אנדערע רייניגער, נאר מיר האבן השי"ת אליינס וואס רייניגט אונז בשלימות, עס איז א פיל העכערע סארט כפרה און טהרה וואס איז אֵין בדומה לו, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל!

## צידה לדרך...

◇ **סְלַח לָנוּ אָבִינוּ כִּי חָטָאנוּ**

לכאורה דארף מען פארשטיין אויף וואס בעהט מען מוצאי יום כיפור ביי מעריב ״סלח לנו אבינו כי חטאנו״, מ׳האט דאָך יעצט תשובה געטוהן און יום כיפור האט מכפר געווען, וואס האט שוין א איד געקענט זינדיגן אין בית המדרש פון נאך נעילה ביז מעריב?

הגה״ק בעל **חידושי הרי״ם זי״ע** זאגט, אז מיר אידן דארפן גלייבן באמונה שלימה אז השי״ת האט טאקע מוחל געווען אונזערע עבירות, און אויב א איד האט ח״ו אפילו די מינדנסטע ספק אין דעם אויב מ׳האט איהם באמת מוחל געווען פון הימל, איז דאס אליין אן עבירה פארוואס ער גלייבט נישט. און אויף דעם בעטן מיר ׳סלח לנו׳ ווייל אפשר האבן מיר נישט געגלייבט אינגאנצן באמונה שלימה אז דער אייבישטער איז אונז טאקע מוחל.

(חידושי הרי״ם)

# א גמר חתימה טובה
# און א גוט געבענטשט יאר!

לע״נ הר״ר **משה שמעון הלוי** ז״ל
בן יבלחט״א אבי מורי הרה״ח ר׳ **שרגא פייביל** שליט״א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com